# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **חיי שרה - תולדות** תשפ"ו ◆ עלון מס': **175**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### א פלאן פאר א רואיגע לעבן

מערערע מאל וועט דער רבי אין חובת הלבבות ציטירן דער פסוק אין תהלים [לב, י] רבים מכאובים לרשע והבוטח בה' חסד יסובבנו.

דער טייטש פון דער פסוק איז אז דער רשע האט אסאך ווייטאג, דאגעגן דער 'בוטח בה' לעבט א גוטער לעבן - ביי אים ווערט מקויים דער חסד יסובבנו - עס איז אים אלעמאל גוט אין לעבן.

דער פסוק משל'ט אראפ א מציאות אז פאר'ן רשע איז ביטער אבער פאר'ן צדיק איז גוט, אבער ווען מ'קוקט זיך אום אויף די וועלט, אויף די מציאות, זעט מען עס נישט.

מען זעט נישט אז פאר'ן צדיק גייט גוט און אז פאר'ן רשע גייט אלעמאל שלעכט.

דער מלבי"ם אויף תהלים שטעלט זיך אויף דעם, און געבט צו פארשטיין אז טראץ וואס סיי דער צדיק און סיי להבדיל דער רשע גייט אריבער שוועריגקייטן אויף די וועלט, איז אבער דא א גרויסער חילוק צווישן דאס לעבן פון דער רשע און פון דער צדיק.

דער חילוק ליגט אין דער 'אננעמען' די שוועריגקייט. אינדערצייט וואס דער צדיק נעמט אן יעדע שוועריגקייט לייכט, ער ווייסט אז יעדע שוועריגקייט, יעדע מוטשעניש איז לטובתו, פאר זיין טובה וועגן, איז דער בליק פון דעם רשע גאר אנדערש אויף די שוועריגקייט.

דער רשע האט אגאנץ לעבן הארץ עסעניש, ער הערט נישט אויף זיך צו עסן דאס געזונט.

לויט דער מהלך פון דער מלבי"ם קומט אויס, אז די 'מכאובים' פון די רשע איז נישט קיין פיזישע מכאובים נאר מכאובי לב - הארץ עסעניש. דאגעגן דער בעל בטחון לעבט מיט שמחה, אלעס איז גרינג, און דאס איז דער 'חסד יסובבנו', אז ער איז אייביג ארומגענומען מיט 'חסד' און דאס מאכט אים גרינגער דאס לעבן.

נאך א מהלך אין דער 'חסד יסובבנו' איז, אז דער בעל בטחון איז מצליח איבערצודרייען די שוועריגקייטן צו חסדים.

לויט דעם איז דער טייטש פון 'יסובבנו' א לשון פון 'סובב'.

דער געדאנק טרעפט מען אין ספר הכוזרי [מאמר ג' סעיף י"ד]. ער רעדט דארט ארום ווי אזוי דער בעל בטחון איז מצליח איבערצודרייען אלעס צו חסדים און ברענגט אלץ ביישפיל דער געשעעניש ביי נחום איש גמזו.

ביי נחום איש גמזו, וועלכע פלעגט זאגן אויף יעדע זאך 'גם זו לטובה', שטייט אז אויך די שטיינער, די ערד, איז געווארן איבערגעדרייט לטובה, און ווי עס איז זיין לשון דארט אויפ'ן ארט אז דער בעל בטחון לעבט: **חי חיים ערבים תמיד וקל עליו הצרות!** ווייל ער איז זיי מקבל באהבה, און אפילו אז עס איז שווער - טרייסט ער זיך מיט די שוועריגקייטן - אז עס איז ביי אים ווי א בעל חוב וואס צאלט אפ זיינע חובות, און ווי עס איז זיין לשון אויף די סארט בחינה **שפורע חוב, ששמח שמחה גדולה.**

דער כוזרי גלייכט צו דער בעל בטחון צו איינער וואס צאלט חובות, אז די שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבער איז ווי ער צאלט א חוב פאר הקב"ה, ווייל יעדער מענטש אין די וועלט, מוז דאך אריבערגיין שוועריגקייטן.

אין צאלן חובות איז דא דרגות. עס איז דא קליינע חובות ווען איינעם פעלט אפאר גראשן און ער דארף עס באצאלן. ווען מען צאלט אפ אזא חוב איז דא א שמחה, אבער די שמחה איז אזוי ווי די געלט. אז די געלט איז קליינגעלט איז די שמחה אויך קליינגעלט. דאגעגן איז אויך דא ווען מען צאלט אפ א גרויסער חוב און דאס מאכט דיר ווי א נייער מענטש, דו ווערסט פטור פון אלע מוטשענישן.

דער אפצאל פון א גרויסער חוב ברענגט א גרויסע שמחה פאר דער באטרעפענדער. נאכ'ן צאלן דער חוב שפירט ער זיך ווי עס האט זיך אראפגעגליטשט פון אים א גרויסער לאסט. צו אזא שמחה גלייכט דער כוזרי צו דער צדיק וואס איז מקבל יסורים באהבה. דער איד ווייסט אז יעדער איד דארף עפעס אפקומען אויף די וועלט און ער פרייט זיך מיט די יסורים, ווייל ער ווייסט אז יעדע מאס יסורים, רייניגט אים אויס, עס נעמט אראפ פון זיין פעקל אויף יענער וועלט, אז דאס איז זיין טובה בזה ובבא.

(ארויסגענומען פון שיעור 420 אין שער הבטחון)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א דייטשער נוסח פון 'בטחון'

איינס פון די שאלות וואס אסאך אידן פרעגן איז, וואס איז דאס 'בטחון'.

עס לאזט זיך זאגן אז די פאלגענדע מעשה ענטפערט די פראגע.

הארט איידער די צווייטע וועלט קריג האט געוואוינט א רייכער איד אין דייטשלאנד. דער איד האט געהאט אסאך געלט, אבער זיין אידישקייט איז געווען זייער שוואך, ער האט קוים געהיטן אויף תורה און אויף מצוות.

איין טאג שטייט ער אויף צופרי און זעט אז זיין טאכטער איז קראנק. ער האט גלייך געלאזט רופן דעם גרעסטן פראפעסאר אין בערלין בעטנדיג אז ער זאל אונטערזוכן זיין קינד.

דער דאקטאר איז געקומען צולויפן, ער האט אונטערגעזוכט דאס קינד, ער איז ארויסגעקומען פון די אונטערזוכונג מיט די הענט אין די הייעך.

"דיין קינד איז קראנק, איך קען גארנישט טון פאר איר".

דער איד האט זיך נישט מייאש געווען.

אז דער בערלינער דאקטאר געבט אויף - וועט מען אריבערברענגען דער וויענער דאקטאר.

דער וויענער דאקטאר איז געקומען צוגיין, ער האט אונטערגעזוכט דאס קינד, אבער אויך דער וויענער דאקטאר האט געגעבן די זעלבע דיאגנאזע אויפ'ן קינד.

דער רייכער איד זעענדיג אז די דאקטורים הייבן הענט, האט ער באשלאסן אז ער גייט זיך ווענדן צו הקב"ה. ער איז צוגעגאנגען צו דער גבאי פון שול, ער האט אים געבעטן די שליסלען פון שול און זיך איינגעשפארט אין איר.

"רבוש"ע איך האב דיר נישט געוואלט מטריח זיין, אבער איך האב נישט קיין ברירה, איך האב שוין אהערגעברענגט די בעסטע דאקטוירים, אבער קיין איינער פון זיי קען נישט - מוז איך קומען צו דיר - ווייל דו קענסט זיכער".

דער איד האט געענדיגט זיין געבעט און איז אהיימגעגאנגען. ער האט נאר איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין שטוב און יא, עס איז בעסער געווארן פאר'ן קינד.

עס איז אריבער צוויי וואכן און דאס קינד איז צוריק געווארן כאחד האדם.

די מעשה פלעגט דער פאריסאווער רבי זצ"ל דערציילן, צולייגענדיג אז ער האט די מעשה געהערט פון דער סקאליער רבי זצ"ל וואס האט געקענט דעם איד.

דער איד געבט ארויס וואס עס הייסט 'בטחון'.

ער האט געהאט א שוואכער בטחון, אבער ער האט געהאט 'בטחון', און ווען מען האט בטחון זעט מען אפענע ישועות, מען גלייבט אז הקב"ה וועט שיקן א רפואה און הקב"ה האט טאקע געשיקט א רפואה.

**א גוט שבת**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די שבת היט אפ!

שוין לאנגע יארן טרוים איך צו האבן אייגענע שבת עלעקטריציטעט, אבער ביני לביני איז עס מיר נישט אויסגעקומען.

דער איבערגאנג פון געהעריגע לעקטער צו שבת לעקטער איז א קאסטבארע אונטערנעמונג, איך האב געשפירט אז איך קען נישט שטיין אין די גרויסע אויסגאבן פון אזא זאך.

אין א טאג האב איך געזען אז איינער האט אדווערטייזט אז פאר א שטיק צייט וועט זיין א סעיל אויף ווער עס וויל אריבערגיין צו שבת עלעקטריציטעט, די סעיל איז געווען פאר מיין געגענט, וואו מען האט געהאלטן אינמיטן איבערבויען די שאסייען.

אין יענער צייט איז מיר אויך אריינגעקומען אין באנק אריין א גרויסע סומע געלט, נאך דעם וואס א איד וואס איז מיר געווען שולדיג געלט פון יארן פריער, האט אריינגעלייגט אין די געלט אין מיין קאונטע.

זענענדיג אז ביידע זאכן גייען אינאיינעם, האב איך זיך ארויסגעלאזט אויף די מיסיע, איך האב אנגעהויבן מברר זיין וואו מען קען עס מאכן און באשטעלט ביי יענעם א דזשענערעיטאר.

עס איז געווען אין די בין הזמנים טעג. איך האב זיך געגרייט ארויסצופארן מיט מיין משפחה אויף א שטיקל וואקאציע. מיר האבן געטראפן א דירה בשכינות פון אונזער געגענט, אין א זייטיגער געגענט, און זיך דארט פלאצירט.

יענער טאג וואס איך בין אריבער צו די וואקאציע דירה און זיך באזעצט אין איר האט געקלינגען דער טעלעפאן, אויפ'ן טרייבער איז געווען דער דזשענערעיטער אינסטאלירער. ער זאגט מיר אז ער וויל יעצט קומען צו מיין דירה און זען ווי אזוי מען קען אין איר אינסטאלירן די דזשענערעיטער.

איך האב זיך גע'יישוב'ט א מינוט, איך בין קוים אנגעקומען צו די וואקאציע אכסניא און דא זאל איך שוין צוריקגיין צו מיין שטוב, אבער ענדע האב איך זיך געשטארקט און איך בין געגאנגען.

איך קום אריין אין שטוב, און מיטאמאל שפיר איך א שטארקע ריח פון פייער, עפעס ברענט זיך צו. איך האב זיך דערמאנט אז איך האב בטעות איבערגעלאזט א טאפ פיש אויפ'ן גאז, פון גרויס אייליניש האב איך פארגעסן צו פארלעשן די גאז.

איך האב גלייך פארלאשן די פייער, אבער געזען אין איר א רמז אז אין זכות פון מהדר זיין אין היטן שבת בין איך ניצול געווארן פון אזא שאדן.

## דער רבוש"ע צינדט אן די לעקטער

פאר כמעט יעדן איינעם פון אונז איז שוין אויסגעקומען אמאל אין זיין לעבן ער זאל איבערטוישן א לעקטער אין זיין שטוב.

עס איז נישט אזא קאמפליצירטע ארבעט. מען גייט ארויף אויף

## בצרור החיים - א הימלישע דערמאנונג פאר א יארצייט

עס איז געווען דער פארלאפענער כ"ח תשרי ווען איך האב נאך א לענגערע דאווענען שחרית אין די סאטמארער שול אין די עזרת תורה געגענט אין ירושלים, זיך געגרייט פאר קריאת התורה.

מען האט ארויסגענומען א ספר תורה, אבער מען האט נישט אנגעהויבן לייענען. איך האב געווארט און געווארט אין שול אז מען זאל שוין אנהייבן, אבער מען הייבט נישט אן.

מיין געדולד האט אנגעהויבן אויסרינען, איך האב אנגעהויבן ווערן נערוועז, מען מישט און מען מישט און עס ענדיגט זיך נישט.

נאכ'ן ארומפרעגן ביי אנדערע וואס איז די שלעפעריי, האבן מיר געהערט דעם סוד. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די ספר תורה איז געווענליך נישט אין דער שטיבל נאר אין די ישיבה, אבער וויל מען האט געליינט אין איר שמחת תורה, איז עס געבליבן אין די שטיבל.

דאס ארט וואו מען האט געליינט אין איר שמחת תורה איז געווען אין די פרשה פון וזאת הברכה, און יעצט האט מען געמוזט מישן פון 'וזאת הברכה' צו 'נח' און דאס איז אסאך צו מישן.

טראכטנדיג ווי לאנג עס גייט געדויערן, בארואיגט מיר מיין חבר אז עס איז נישט א 'חתן תורה' ספר תורה, עס איז א 'חתן מפטיר' ספר תורה און דאס מיינט אז דער מישונג איז נאר פון פרשת פינחס ביז נח.

עס איז ווייניגער, אבער עס איז אויך א היבש ביסל, און ווערנדיג לאנגווייליג פון אזויפיל מישעריי האט איינער זיך אידן א קוק געגעבן אויף די מענטעלע פון די ספר תורה, ווועלנדיג וויסן וועלכע ספר תורה עס איז וואס מען ליינט נישט דערין געווענליך און האט יעצט אריינגעוואנדערט דא.

אנטאפנדיג די ספר תורה האט זיך ארויסגעשטעלט א מורא'דיגע זאך. אויף די מענטעלע שטייט אז די ספר תורה איז אריינגעגעבן געווארן נאך א בחור'ל וואס איז אוועק פריצייטיג פון דער וועלט און זיין יארצייט פאלט אויס 'כ"ח תשרי'.

"דאס איז דאך היינט", האט זיך איינער אנגערופן.

עס איז געווארן א שטיקל רעש אין דעם שטיבל.

נאך אלעם טרעפט זיך נישט אזא זאך אזוי אפט. די יודעי דבר האבן געוואוסט אויסצורעכענען אז נאר איינמאל אין עטליכע יאר טרעפט זיך אז מען זאל לייענען אין דעם ספר תורה אין טאג פון די יארצייט ווייל עס טרעפט זיך זייער ווייניג אז כ"ח תשרי זאל פאלן אין א טאג וואס מען ליינט.

מיטאמאל איז די לאנגווייליגקייט געטוישט געווארן צו אן איבערראשענדע נייעס, יעדער האט גערעדט פון די געשעעניש.

געוויסע האבן מעיד געווען אז זיי געדענקען דעם בחור, ווען ער איז אוועק, און אז דער לייענען וועט זיכער זיין לעילוי נשמתו.

## די מלאכה דורך אנדערע

איך וואוין אויף די העכסטע שטאק אין מיין בנין.

העכער מיר איז דא א גרויסער דאך וועלכער איז אונטער די פרייע הימל.

זייענדיג אזוי אפען צו די פרייע הימל באקט דארט דער זון און עס ווערט אויך נאס פון די רעגן.

אויף די טויבעלעך טרעפן זיך אין איר דאס ארט איבערלאזנדיג דאס ארט שמוציג און פארלייגט.

אומוועלענדיג דינט דער ארט אויך פאר א סטאראדזש פון די גאנצע בנין, יעדער וואס האט אן איבערבלייבעניש און זוכט עס וואו צו לייגן - לייגט עס דארט אראפ.

### מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פאר לאנגע יארן בין איך געווען א שטענדיגער אויסהערער פון די שיעורים וואס זענען ארויף אויפ'ן האטליניע 'השגחה פרטית'. איך פלעג זיך דערקוויקן מיט אירע שיעורים. ווי יעדע זאך וואס ווערט שוואכער מיט די צייט, האב איך אויפגעהערט אויסצוהערן די ליניע. לעצטענס האב איך זיך נאכאמאל פארבינדן מיט די האטליניע, און וואונדער, די האטליניע האט זיך איבערגעפרישט, עס איז מלא וגדוש מיט חידושים נפלאים, אז איך האב נישט געגלייבט וואס כ'הער. איך האב זיך געזעצט אויסהערן און געהערט און זיך אויפגעפרישט מיט איר. איך דאנק אייך מעומק הלב פאר אייער עבודת הקי' און אומגעהויערע השקעה וואס איר לייגט אריין אין די האטליניע. אשריכם! זייט ממשיך מיט אייער עבודת הקי' מזכה צו זיין כלל ישראל.

### מפיצים אמונה ורואים ישועות

אזוי האבן זיך געעפענט פאר מיר די שערי הפרנסה:
אין די לעצטע יארן איז מקויים געווארן ביי מיר די מאמר חז"ל: "קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף". די פרנסה איז מיר געגאנגען זייער שווער. איך האב זיך געמוטשעט אויף יעדער שקל. יעדע הכנסה איז געווען אן אפקומעניש. איך האב געזוכט ארבעט, אבער אויך אינדעם האט די הצלחה נישט געשיינט. איך האב אנגענומען פרישע ארבעט, אבער די ארבעט האט זיך נישט געהאלטן ביי מיר. איין טאג, טראכטנדיג ווי אזוי איך קען פארבעסערן מיינע איינקופטן האב איך באשלאסן אז איך גיי געבן א תרומה פאר די 'הפצה' פון די אמונה. פון דאן האבן זיך זאכן געטוישט מקצה אל הקצה. איך האב געטראפן א שיינע פרנסה און כ'פארדין היינט בשפע רב געלט. איך שפיר ביי מיר אז אין די זכות פון מפיץ זיין אמונה האב איך די ברכה.

איינמאל א יאר מען סדר אין איה, פאר סוכות ווען מען לייגט דארט ארויף די סכך. נאך סוכות, נאכ'ן פארפאקן די סכך, מאכט מען ריין. מען רייניגט דאס ארט פון אלע אפפאל און אלע איבערבלייבענישן און מען פארפאקט עס.

אויף די יאר, נאך סוכות, האבן מיר זיך גענומען צו די עבודה, מען האט אנגעהויבן אוועקפאקן די סוכה.

מען האט אנגעהויבן די ארבעט פרייטאג צופרי, אבער ווייל עס איז געווען אסאך ארבעט האט זיך עס פארצויגן ביז אין די מיטאג שעה'ן און עס איז געווארן חצות היום, האב איך אפגעשטעלט די ארבעט.

איך האב איבערגעלאזט א האלבע ארט. איבעראל איז געווען שטיקער שמוץ, ברוכווארג, אבער איך האב זיך געטרייסט אז זונטאג וועט מען ממשיך זיין מיט די ארבעט.

גלייך זונטאג צופרי בין איך ארויף אויפ'ן דאך און וואונדער אלעס איז ריין און שיין. איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווער עס האט עס מסדר געווען אזוי שיין, איך פארדעכטיג אז עס איז די ארבעט פון מיין שכן, מיין גוטער שכן, אבער איך האב געהאט פאר מיר א לימוד, אז טראץ וואס כ'וואלט זיך געקענט מקיל זיין און טראכטן אז חצות איז דאך נאר א חומרא, האט מען מיר פון הימל געוויזן אז איך האב נאר פארדינט פון די חומרא.

## שטארקע גלעזער - אן ארויסגיין פון ישיבה

מיט א פרישקייט האב איך אנגעהויבן חודש אלול, א נייער זמן.

די התחדשות פון א נייער זמן איז אלעמאל גרויס, אבער זייענדיג א נייער בחור אין א נייע ישיבה איז די התחדשות געווען גרעסער ווי אייביג.

די ישיבה איז אין די אומגעגנט פון טעלז-סטאון, א זייטיגער געגענט אין ירושלים עיה"ק.

איך האב אנגעהויבן דער זמן מיט אן אויסטערלישע ברען, אבער דאן איז מיר אונטערגעקומען א קליינע שוועריגקייט, די שרויפן פון די הענטל פון די גלעזער [ברילן] איז ארויסגעפאלן.

אלץ איינער וואס גייט כסדר מיט גלעזער האט עס מיר זייער געשטערט, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון.

רעדנדיג מיט מיין טאטע און דערציילנדיג די געשעעניש האט ער מיר בארואיגט זאגנדיג אז אויך אין טעלז-סטאון איז דא א גלעזער געשעפט און אז איך קען אהינגיין בעטן ער זאל אריינלייגן נייע שרויפן.

איך האב געוואוסט אז כ'קען גיין, אבער עס איז אנהייב זמן און איך האב נישט געוואלט דערלייגן די 'רציפות' פון אנהייב זמן.

שמועסנדיג מיט א חבר, זאגט ער מיר אז ער האט פאר מיר איבריגע שרויפן. איך האב עס גענומען פון אים, אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך האב שוועריגקייט אריינצולייגן די שרויפן אין לאך.

נישט וויסנדיג וואס צו טון, האב איך געפרעגט איינער פון די לאקאלע אידן. דער איד איז געווען א גוטער ידיד פון דער גלעזער אייגנטומער. ער האט אים אנגעקלינגען און מיטגעטיילט וואס עס גייט דא פאר.

„איך גיי סיי ווי זיין אין געגענט, זאג אים אז ער זאל מיר ווארטן, איך בין דארט ביז אכט מינוט, איך טראג מיין קינד אין חדר".

איך האב געווארט דארט, דער גלעזער עקספערט איז אנגעקומען און אריינגעלייגט די שרויפן פאר מיינע גלעזער.

איך האב געזען בחוש ווי פון הימל העלפן מען מיר, אז איך זאל קענען לערנען תורה ברציפות און נישט דארפן ארויסגיין פון די ישיבה ווענט.

א לייטער אדער אויף א בענקל, מען נעמט ארויס די אלטע לעקטער און מען טוישט עס מיט א נייע.

עס איז נישט קיין שווערע ארבעט, אבער עס איז יא פארבינדן מיט א געוויסער מאס אנגעצויגנקייט.

די משפחה שטייט ארום, יעדער האלט מיט ווי אזוי עס גייט צו, ווי אזוי דער טויש ווערט געמאכט, מען שעפשעט א תפילה אז עס זאל געלונגען.

מיין געשיכטע איז אן ענליכע געשיכטע, אבער עס איז אויף א גרעסערע פארנעם. איך האב אויך א פריוואטער הויז אבער איך בין אויך אן עלקטעטרישען, דאס איז מיין פאך, מיין פרנסה, איך באהעפט עלעקטעריציטעט און כ'מאך זיכער אז זיי זאלן ארבעטן און פונקציאנירן ווי אזוי עס דארף צו זיין.

נאכ'ן מאכן די הקדמה, לאמיר ענק מיטטיילן מיט מיין מעשה: מעשה שהיה, אז איין טאג בין איך אנגעקומען צו אינסטאלירן עלעקטעריציטעט אין א גרויסער ארט, עס רעדט זיך פון א גרויסער געביידע.

אלעס אינאיינעם האבן מיר געדארפט אינסטאלירן 66 לעקטערס. עס איז א שווערע ארבעט און עס פאדערט אסאך ענערגיע און פלאנירונג.

נאכ'ן אריינלייגן אסאך כח און מח איז אנגעקומען די ריכטיגע מינוט, די רגע ווען מען דארף געבן א דרוק אויפ'ן קנעפל און די לעקטערס דארפן זיך אנצינדן.

כמעט אלע לעקטערס האבן זיך אנגעצינדן, אבער נאר כמעט אלע, ניין לעקטערס האבן זיך נישט אנגעצינדן.

עס איז זיכער דא א פעלער אין דער סיסטעם, אבער די פעלעריגקייט קען זיין ביי די ערשטע לעקטער אדער ביי די ניינטע.

דער חילוק איז זייער פשוט. אויב די פעלער איז ביי די ניינטע מיינט עס אז מען דארף ארויפגיין אלע ניין, אבער אויב די פעלער ליגט אין די ערשטע דארף מען נאר ארויפגיין איינס און מיט דעם האט מען גע'פטר'ט די זאך.

טראכטנדיג אזוי וואס גייט זיין האב איך אנגעהויבן און געגאנגען צו די ערשטע אבער אין איר איז נישט געווען די פראבלעם. איך בין אריבער צו די צווייטע אבער אויך אין איר איז נישט געווען קיין פראבלעם. זעענדיג אז עס שלעפט זיך בין איך אריבער צו די דריטע.

איידער איך בין ארויף צו די דריטע, האב איך געטראכט צו זיך: לאמיר מתפלל זיין צו הקב"ה אז די פעלער זאל זיין דא און זיך פטר'ן פון די אנשיקעניש. מען האלט שוין נאכ'ן אריינלייגן אזויפיל הארוואניע אין דעם פראיעקט, און אז מען קען זיך פטר'ן פון איר שנעל און גרינג איז זיכער גוט.

ארויפגייענדיג די לייטער האב איך געשעפשעט א תפילה שטילערהייט, איך האב געבעטן הקב"ה ער זאל רחמנות האבן אויף מיר און מיר פארשפּאָרן די ענערגיע.

געוועהנליך וועלן די תפילות זיין 'ממעמקים' פון די טיפענישן פון הארץ, די תפילה איז געווען 'ממעלה' אויבן אויפ'ן טרעפל. איך האב מתפלל געווען, איך האב זיך אנגעהויבן ארבעטן ביי די לעקטער און וואונדער, די פראבלעם איז געווען דא.

איך האב מתפלל געווען און די ישועה איז גלייך געקומען. מען האט עס פארראכטן און 'ויהי אור', עס איז געווארן ליכטיג, אלע לעקטערס האבן אנגעהויבן ארבעטן.


### טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

**פארבינדט זיך מיט אונז**

**אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742**

### נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** בנק 10 |סניף 902 | חשבון 57390056 | **משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים | **בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב

## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### לויבן השי"ת איז ממשיך די טובה און איז מעכב די יסורים

אם תמצא את החוטא תלאה ותקרא אותו צרה, ויצדיק עליו את הדין ויקבל המוסר באהבה, יהיה זה לו למגן מן הייסורין הרבים הראויין לבוא עליו. כמו שנאמר (תהלים עו, יא): "כי חמת אדם תודך שארית חמות תחגור", פירושו: כאשר צער האדם יודה אותך, כלומר שיודה אותך האדם בעת צערו. [...] "שארית חמות" - שהיו מפותחות לבוא על האדם. [...] "תחגור" - ותעכב אותם ולא תביאם עליו. [...] ונאמר (ישעיהו יב, א): "אודך ה' כי אנפת בי, ישוב אפך ותנחמני". פירוש - אודך על מוסרך וקבלתיו באהבה, ובעבור זה שאודך על שאנפת בי - ישוב אפך ותנחמני. וכן בעניין ההודאה על הטובה, נאמר (תהלים נב, יא): "אודך לעולם כי עשית ואקוה שמך כי טוב נגד חסידיך". פירושו - אודך על הטובה שעשית עמדי, ובעבור זה אקוה להתמדת טובתך.

(שערי תשובה לרבינו יונה פ"ד אות יב)

### מקבל זיין די יסורים באהבה

אמר רבי יהושע בן לוי: כל השמח ביסורין שבאין עליו מביא ישועה לעולם, שנאמר (ישעיהו סד, ד): "בָּהֶם עוֹלָם וְנִוָּשֵׁעַ".

(מסכת תענית דף ח ע"א)

והם הצדיקים העושים את המצוות בשמחה גדולה, וזהו עניין "שש ועֹשה צדק". ולא עוד אלא שהקב"ה מייסרם ביסורין והם מקבלים אותם באהבה, ועל ידי זה ממתקים את הדין הקשה ומתקנים את העולם.

(עת לחננה לרבי משה דוד וואלי)

### מקבל זיין יסורים באהבה - הייבט אויף דער איד צו דער מקור הרחמים

שמעתי ממנו [מהבעש"ט], כי בריאות העולם היה על ידי דין, שהוא סוד הצמצום כנודע. לכך דיני וייסורי האדם הם גוף אל הנשמה וחיות הרוחניות, וכשאדם מקבל הייסורין באהבה ובשמחה שהוא בחינת החיות והרוחניות, הוא מקרב ומקשר ומדבק הגוף אל הנשמה שהוא החיות והרוחני, ונתבטל הדין. וח"ו בהיפך, דוחה הגוף שלו מן החיות. לכך אמר עצה היעוצה לאדם: "ואהבת את ה' אלקיך" שהוא בחינת דין, לקבלו בשמחה, ולקשרו אל הוי"ה שהוא הנשמה, על ידי "ואהבת".

(תולדות יעקב יוסף)

### מקבל זיין יסורים באהבה איז ממתיק דינים

יש קצף הבא מפני החטא, ויש חטא הבא מפני הקצף. כיצד? כשאדם חוטא מיד הקב"ה כועס עליו, וזה הקצף הבא מפני החטא. וכאשר הקב"ה קוצף על האדם, מיד הס"א קופצת עליו ומביאתו לידי חטא, וזהו החטא הבא מפני הקצף. וזה סוד גם כן של עבירה גוררת עבירה. כי העבירה הראשונה גורמת את הקצף, והקצף גורם אחר כך עבירה אחרת. וזה סוד "הן אתה קצפת ונחטא" (ישעיהו סד, ד). ואם כן הוא, שזה גורם את זה וזה גורם את זה, איך אפשר שתבוא הישועה בעולם? ומשיב לזה: "בהם עולם ונושע" (שם), שמשמע בזכות הצדיקים הנזכרים "פגעת את שָׂשׂ ועֹשה צדק" שאמר בתחילת הפסוק,

### די שמחה מיט יסורים איז אז די יסורים איז צייטווייליג קעגן די אייביגע יסורים

כפי הטבע אי אפשר לשמוח בייסורין, אך אפשר שישמח בייסורין מפני שחושב בדעתו שצער זה הוא צער שעה, והקב"ה נתן לו צער שעה שהצילו מצער עולם של שנים רבות, והמאמין בכך ודאי ישמח. ולפי זה נמצא [ש]השמחה הוא מפני שחושב: זה 'יהוי' של הייסורין, הוא 'וי' של שעה, ולכך הוא יש לו מצוות 'ציפית לישועה', שכל שעה ושעה מצפה שימיר הקב"ה ייסורין אלו מעליו, מאחר שחושב שזה הוא 'וי' של שעה, ולכן בשכר זה מביא ישועה לעולם, כי צירוף 'וי' עם 'שעה' יהיה צירוף "ישועה'.

(בן יהוידע)

## א פינטעלע ליכטיגקייט

### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### היפלא מה' דבר

אין פרשה וירא דערציילט אונז די תוה"ק, אז ווען שרה אמנו האט געהערט די בשורה פון די מלאכים אז ביז א יאר פון היינט וועט געבוירן ווערן ביי איר א קינד, האט זי געלאכט.

די תוה"ק דערציילט אונז אז הקב"ה האט איר מוכיח געווען פארוואס זי האט געלאכט - היפלא מה' דבר? - צי קען הקב"ה נישט מאכן אזא זאך אז זי זאל האבן א קינד, אויך אין אזא עלטער.

די טענה פון הקב"ה פארוואס זי האט געלאכט, איז אביסל שווער. בסך הכל האט זי געהערט א מאדנע זאך - זי האט געהערט אז א ניינציג יעריגע באבע גייט האבן א קינד. ווען מען באקומט אזא סארט ברכה - קאסט עס א שמייכל.

די קשיא ווערט נאך שווערער ווען מ'נעמט אין באטראכט ווער האט איר געגעבן די ברכה. זי האט עס באקומען פון געסט וואס זענען אין אירע אויגן געווען אראבער. ווען זי באקומט די ברכה פון הקב"ה, קען מען האבן א טענה אויף איר, אבער ווען זי באקומט עס פון אראבער, פארוואס טאר זי נישט לאכן פון דעם?

נאר, עס קען זיין אז טראץ וואס ביי געוועגליכע מענטשן וואלט אזא זאך נישט געווען גערעכענט פאר א זינד, איז עס אבער ביי שרה אמנו יא גערעכענט געווארן ווי א זינד. די סיבה דערצו איז ווייל ביי אן אמת'ע מאמין איז נישט דא אזא זאך ווי 'נארמאל' אדער ווי דער 'דרך הטבע', ביי אים איז אלעס איין זאך, דער 'מאדנע' און די 'נארמאלע' זאך איז איינס, 'היפלא מה' דבר'.

די טענה האט מען געהאט קעגן שרה, זי איז דאך געווען א מאמין, און ביי א מאמין איז אלעס איינס.

עס קען זיין אז ביי שרה אמנו איז די קשיא געווען נאך גרעסער, ווייל אין איר לעבן האט זי געהאלטן אין איין זען ניסים. אברהם אבינו גייט אריין אין קאלעך אויוון לעבעדיג און קומט ארויס פון דארט א לעבעדיגער. זי האט געזען ווי אזוי אברהם אבינו באזיגט אליין פיר מעכטיגע קעניגן. זי האט געזען ווי אזוי מען האט איר גענומען צו פרעה'ס שטוב און זי ארויס פון דארט אומבאריהרט, לעבעדיג, אומגעשעדיגט, זי האט געזען ווי ביי איר אייגן שטוב ברענט א ליכט משבת לשבת, ווי עס קומט אריין א ברכה אין איר טייג.

אז מען זעט אזעלכע אפענע ניסים איז שפעטער דא א טענה אז זי וואלט געדארפט גלייבן אז אויך דא קען זיין א נס.

דאס דארף זיין א לימוד פאר אונז. אסאך מאל האט א איד שוועריגקייט צו גלייבן אז ער גייט האבן א ישועה, אבער ווען דער איד זאל צוריקקוקן אויף זיין לעבן און זיך מתבונן זיין אין איר און זען וויפיל ניסים ער האט שוין געהאט אין זיין לעבן, וויפיל ישועות ער האט שוין געהאט, אויך ווען ער איז געווען פארלוירן, אומבאהאלפן, דארף ער טרעפן אין זיי א טרייסט, א חיזוק אז אויך יעצט גייט קומען צוגיין די ישועה און נישט פארלירן האפענונג.


# קלינג אריין שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט
**לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זייט דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633